**שלום עליכם, האַנרי מינצעלעס !**

**Sholem-Aleykhem, Henri Minczeles !**

עליכם שלום, מאַקס כּאָהן.

Aleykhem-Sholem, Max Kohn !

**איר האָט אַרויסגעגעבן אַ נײַ בוך, וועגן דער געשיכטע פֿון דער אַרבעטער באַוועגונג...**

**Vous avez publié un nouveau livre, sur l'histoire du mouvement ouvrier...**

***You have just published a new book, on the history of the labour movement...***

וועגן דער אַרבעטער-באַוועגונג, דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג..

Sur le mouvement ouvrier, le mouvement ouvrier juif.

*On the Jewish Labour movement.*

**די ייִדישע אַרבעטער באַוועגונג. עס האַנדלט זיך וועגן ב ו נ ד ?**

**Sur le mouvement ouvrier juif. Il s'agit du Bund ?**

***On the Jewish Labour movement. Does it mean the Bund ?***

ניין. ס'הייבט אָן פֿריִער ווי דער ב ו נ ד. דאָס הייסט : די ערשטע יאָרן, איך דערצייל ווי אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען. עס האָט גענומען אַ פּאָר יאָרן, איך דערצייל ווי אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען, אַז דער ב ו נ ד איז געווען אַ רעזולטאַט, פֿון יאָרן בשעת וועלכע די חבֿרה, דער פּראָלעטאַריאַט, האָט געליטן, און האָט געוואָלט, עס זאָל זײַן אַ ייִדיש וואָרט, באַזונדער, אין דער אַלגעמיינער אַרבעטער קלאַס צווישן די פֿאַרשיידענע לענדער אין אייראָפּע. זיי האָבן געהאַט ספּעציעלע פּראָבלעמען, וואָס זיי האָבן געמוזט דערלעדיגן : דער פּראָבלעם פֿון אַנטיסעמיטיזם, דער פּראָבלעם פֿון די אַרבעטער וואָס זענען געוואָרן שקלאַפֿן, געאַרבעט אַ פֿופֿצן, זעכצן, ביז אַכצן שעה אַ טאָג, און באַזונדערס האָבן זיי געהאַט צו טון מיט דער רעליגיע. די רעליגיע איז געווען זייער ענג, און זיי האָבן געוואָלט, אַנשטאָט צו וואַרטן ביז משיח וועט קומען, אַז דער משיח זאָל זײַן זייער אייגענער קול, איר פֿאַרשטייט ? דאָס האָבן זיי געוואָלט.

Non. Cela commence avant le Bund. En fait, sur les premières années, je raconte comment cela s'est passé. Cela a pris des années, et je raconte comment les choses se sont passées, car le Bund fut un aboutissement, d'années durant lesquelles la société, le prolétariat, souffrait et aspirait à ce qu'une parole juive, particulière, s'exprime au sein de la classe ouvrière en général, au sein des différents pays européens. [Les prolétaires juifs] avaient des problèmes spécifiques, auxquels il leur fallait trouver remède : l'antisémitisme, et aussi la condition de la classe ouvrière qui tenait de l'esclavage, où l'on travaillait quinze, seize, jusqu'à dix-huit heures par jour, et le rapport particulier qu'ils avaient avec la religion. La religion avait quelque chose de très étroit, et ils voulaient, au lieu d'attendre la venue du Messie, que le Messie soit leur propre voix, vous comprenez ? C'était leur aspiration.

*No, the beginning is prior to the creation of Bund. In fact, about the first times, I tell how things came up. It took years, and I tell how things came up, for Bund was a result of years, when society, the proletariat, was suffering and longed for a specific Jewish speech, within the general labour class among the various European countries. [The Jewish labour class] coped with specific problems, and had to deal with them : antisemitism, and also the labour class condition, which was a kind of slavery, with a work day of 15, 16 or even 18 hours. And they had also a specific relation with religion. Religion was then a very narrow world, and instead of longing for the coming of Messias, they strived for their own voice becoming Messias.*

**דאָס איז געווען פֿאַרן ב ו נ ד.**

**C'était antérieurement au Bund.**

***That was prior to Bund.***

יאָ, דאָס איז געווען טאַקע פֿאַרן ב ו נ ד. עס האָט זיך אָנגעהויבן אונגעפֿער, אין רוסלאַנד. צווישן 1870 און 1897. אין 1897 זענען געווען צוויי הויפּט-פֿאַקטן : ערשטנס, דער אָנהייב פֿון ב ו נ ד, דער ערשטער קאָנגרעס פֿון ב ו נ ד, און באַזונדערס איז אויך געווען דער ערשטער קאָנגרעס פֿון די ציוניסטן. 1897 איז געווען זייער אַ וויכטיק יאָר ! דאָס האָב איך געוואָלט ווײַזן. איך האָב געוואָלט ווײַזן ווי אַזוי ביסלעך צו ביסלעך מענטשן וואָס האָבן דערלעבט אין שווערע צרות און נויט, זענען געוואָרן ביסלעך צו ביסלעך מענטשן, איך מײַן אַז מען האָט געמוזט זיך רעכענען מיט

זיי. דאָס איז זייער וויכטיק.

אין אַ שטאָט פֿון מיזרח-אייראפּע (ווילנע) אין וועלכער זיי האָבן געלעבט אַ פּאָר הונדערט יאָר, האָבן זיי אַנטשידן וועגן זייער גײַסט, וועגן זייער אויפֿשטאַנד.

Oui, antérieurement au Bund. Ce mouvement a commencé en Russie, entre 1870 et 1897. En 1897 se sont produits deux faits majeurs : d'abord, les débuts du Bund, le premier congrès du Bund, et d'autre part, le premier congrès sioniste. 1897 fut une année très importante ! C'est cela que j'ai voulu montrer. J'ai voulu montrer comment, petit à petit, des gens qui vivaient tant de malheurs, une telle détresse, sont devenus des *mentshn* (des personnes respectées), je veux dire par là qu'on a dû compter avec eux. Et c'est très important. Dans une ville d'Europe de l'Est (Vilnius) dans laquelle les Juifs vivaient depuis plusieurs siècles, ils ont pu déterminer leur volonté, leur combat.

*Yes, prior to the foundation of Bund. This movement had started, in Russia, between 1870 and 1897. In 1897 took place two major facts: first, the beginning of the Bund, its first congress, and on the other hand, the first Zionist congress. 1897 was a very important year! That's what I wanted to enhance. I also wanted to enhance how, little by little, people who were enduring so much despair, such pains, had become mentshn (considered persons), by such I mean that they became people that had to be reckoned with. In a Western European city (Vilnius) in which Jews had been living for several centuries, they were then able to determine their will, their struggle.*

**ווער זענען געווען די העלדן פֿון דער באַוועגונג ?**

Qui furent les héros du mouvement ouvrier juif ?

*Who were the heroes of the Jewish labour movement ?*

קודם-כּל איז נישט געווען קיינער, דאַן ביסלעך צו ביסלעך זענען אַנטשטאַנען פֿאַרשיידענע געשטאַלטן, ווי אַרקאַדי קרעמער, גאָזשאַנסקי, און נאָך אַנדערע, מוטניק אַ שטייגער, זיי זענען נישט באַקאַנט... ווײַל בכלל, איך האָב באַמערקט אַז מע קען גוט די אַלגעמיינע אַרבעטער באַוועגונג, ד.ה. אין פֿראַנקרײַך, ד.ה. אין ענגלאַנד, ד.ה. אין רוסלאַנד, אַ ביסל שפּעטער, מיט די באָלשעוויקעס און די מענשעוויקעס, מיט לענינען און מאַרטאָוון, אָבער וועגן דער ייִדישער אַרבעטער באַוועגונג, קען מען נישט. און דערפֿאַר האָב איך געוואָלט שרײַבן, כדי מע זאָל וויסן אַז די אַרבעטער קלאַס בײַ די ייִדן האָט זיך באַוויזן זייער פֿרי.

Au départ, il n'y en eut pas puis, petit à petit, apparurent différentes figures, comme Arkadi Kremer, Gojanski, et d'autres encore, comme Mutnik par exemple, ils ne sont pas très connus... Car de manière générale, j'ai remarqué que l'histoire du mouvement ouvrier international est connue : en France, en Grande-Bretagne, en Russie, avec un peu plus tard les bolchéviques et les menchéviques, Lénine et Martov, mais le mouvement ouvrier juif n'est pas connu. C'est pourquoi j'ai voulu écrire, afin qu'on sache que la classe ouvrière juive est apparue très tôt.

*In the beginning, there were none of them, then little by little appeared a few figures, such as Arkadi Kremer, Gozhanski, and others like Mutnik for instance, they are not very well known. For in general, I noticed that the history of the paramount labour movement is well-known, in France, in Great Britain, in Russia where would later on be made out bolsheviks and mensheviks, around Lenin and Martov ; but the Jewish labour mouvement is not well-known. That is why I wanted to write, to let know that the Jewish working class appeared very early.*

**אָבער פֿאַרוואָס ווייס מען גאָרנישט דערפֿון ?**

Mais pourquoi cette histoire n'est-elle pas connue ?

*But why does this history remain unknown ?*

ס'איז אַזוי... מען אינטערעסירט זיך, ווען זיי רעדן וועגן די ייִדן, וועגן רעליגיע, וועגן פֿאַרשיידענע טעמען, צום בײַשפּיל דער ציוניזם, אַזוי איז באַקאַנט אַזוי אינעם 1948ער יאָר איז געשאַפֿן געוואָרן די ישׂראלדיקע מדינה, אָבער פֿון די מענטשן וואָס זענען כּמעט אַלע אומגעקומען אין פּוילן, אין רוסלאַנד, דורך די דײַטשן, וואָס האָבן זיי דערהרגעט, איז כּמעט גאָרנישט באַקאַנט געוואָרן. נאָר ביסלעך צו ביסלעך באַווײַזן זיך עטלעכע היסטאָריקער, אינטעלעקטועלע, אינטעליגענטן, וואָס ווילן ווידער אמאל רעדן וועגן וואָס איז געשען, נאָר מע קען זי נישט. אַזוי ארום אין אויסטראַליע, און אפֿילו אין אַמעריקע, רעדט מען פֿון זיי, נאָר מע קען זי נישט גוט. אַזוי בין איך געווען אַזאַ פּיאָניער, ווײַל איך האָב דערציילט אַ מעשׂה וואָס מען קען נישט.

C'est ainsi... On s'intéresse, à propos des Juifs, à la religion, à différents sujets, comme par exemple le sionisme – on sait ainsi qu'en 1948 fut proclamé l'Etat d'Israël. Mais de ces gens qui furent presque tous assassinés, en Pologne, en Russie, tués par les Allemands, presque rien n'est connu. Mais peu à peu on voit quelques historiens et intellectuels désireux de décrire ce qui a eu lieu et qu'on ne connaît pas. Ainsi en Australie, même aux Etats-Unis, on parle de cette histoire, mais elle n'est toujours pas bien connue. Ainsi, j'ai été une sorte de pionnier, en racontant une histoire méconnue du public.

*This is the situation. About Jews, the public is interested about religion, about various historical themes, such as Zionism – people know that in 1948 was established the State of Israel. Yet about these people who were almost wholly exterminated, in Poland, Russia, by the Germans, very little was brought to common knowledge. However, little by little, you see historians, scholars, intellectuals, who are eager to know what happened there, but they are little known. Thus, in Australia, and even in the US, this history is disclosed, but remains little known. I am a kind of pioneer, as I have told a story which is not famous.*

**איר זענט אַ היסטאָריקער.**

Vous êtes historien.

*You are a historian.*

**יאָ.**

Oui.

Yes, I am.

**ווי אַזוי זענט איר צוגעקומען, זיך צו פֿאַראינטערעסירן מיט דער דאָזיקער טעמע ?**

Comment en êtes-vous venu à vous intéresser à ce sujet ?

*How did you come to deal with this matter ?*

עס זענען פֿאַראַן פֿאַרשיידענע סיבות. די ערשטע סיבה, גלויב איך איז וואָרעם מײַן פֿרויס פֿאָטער, מײַן שווער, איז געווען, ווי מען זאָגט, אַ פֿאַרברענטער בונדיסט. אין מײַן משפּחה אָבער, פֿלעגט מען רעדן פֿראַנצייזיש. און ביסלעך צו ביסלעך, הערנדיק ווי אַזוי מײַן פֿרויס משפּחה רעדט ייִדיש, האָב איך זיך אויסגעלערנט ייִדיש. מילא איך בין נישט געוואָרן אַזאַ גרויסער ייִדישיסט, נאָר אַ פּאָר ווערטער קען איך זאָגן. און ביסלעך צו ביסלעך האָב איך אָנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן אין פֿאַרשיידענע הינזיכטן. איך האָב געוואָלט קודם-כּל וויסן פֿאַרוואָס דער האָלאָקאָסט, די שואה, איז געוואָרן (צוגעטראַכט), וואָס איז געווען די סיבה. ביזן הײַנטיקן טאָג, האָב איך קיין ענטפֿער נישט. איך קען נישט פֿאַרשטיין וואָס ס'איז געשעען, אָבער ס'איז דאָך געשעען : זעקס מיליאָנען ייִדן זענען אומגעקומען, אין דער צײַט פֿון דער שואה, דער צווייטער וועלט-מלחמה. דאָס איז געווען די ערשטע סיבה. די צווייטע סיבה איז, אַז איך האָב געאַרבעט, געמאַכט אַ דאָקטאָראַט, ד.ה. אַ PHD ווי מע זאָגט אין אַמעריקע און אין אויסטראַליע, וועגן ליטע, ירושלים ד'ליטא, ד.ה. ווילנע, ווילנאָ, ווילניוס. דאָס איז געווען די צווייטע סיבה. און די דריטע סיבה איז געווען די אַרבעטער-קלאַס. דאָס האָט מיר אויך זייער אינטערעסירט.

Il y a différentes raisons à cela. La première, je crois, tient à mon beau-père, le père de mon épouse, qui était, comme on disait, un ardent bundiste. Or, dans ma famille, on parlait français. Et c'est peu à peu, en entendant mon beau-père parler yiddish, que j'ai appris la langue. Je ne suis certes pas devenu un si grand yiddishiste, mais je peux aligner quelques mots. Ainsi, petit à petit, j'ai commencé à m'intéresser à différentes questions historiques. Avant tout, j'ai voulu savoir pourquoi l'holocauste, la Shoah, fut commise : six millions de Juifs furent assassinés, au temps de la Shoah, de la 2ème Guerre mondiale. La première raison est celle-là. La deuxième tient à ce que j'ai fait un doctorat, un PHD comme on dit aux Etats-Unis et en Australie, sur la Lituanie juive et la Jérusalem de Lituanie : Vilno, Vilna, Vilnius. Ce fut la deuxième raison. Et la troisième fut mon intérêt pour la classe ouvrière. Cela aussi m'a beaucoup intéressé.

*The reasons for this choice are manifold. The first reason has to do with my father in law, my wive's father, who was an ardent Bundist, as people used to say. Now, in my family, we used to speak French. Yet gradually, hearing my father-in-law speaking Yiddish, I learnt the language. I didn't became the finest Yiddishist, but I can speak a few words. So, little by little, I started focusing on various historical questions. Above all, I wanted to know why the Holocaust, the Shoah, was perpetrated : six million Jews were killed, at the time of the Holocaust, of WWII. That was the first reason. The second reason is related*

*to the PHD I brought off about Jewish Lithuania and the Jerusalem of Lithuania : Vilna, Wilno, Vilnius. That's the second reason. And the third reason was my interest for the working class. That was a deep interest of mine.*

**איר האָט גערעדט מיט דער טאָכטער פֿון אַרקאַדי קרעמער.**

**Vous avez eu l'occasion de parler avec la fille d'Arkadi Kremer.**

***You had the opportunity to talk with Arkadi Kremer's daughter.***

יאָ.

Oui.

*Yes, I did.*

**וואָס האָט זי אײַך דערציילט ?**

**Que vous a-t-elle raconté ?**

***What did she tell you ?***

זי האָט מיר דערציילט אַ סך זאַכן וועגן איר פֿאָטער. איר פֿאָטער איז אויף אָן אמת געווען זייער אַסימילירט, ער האָט געקענט גוט רוסיש, און ייִדיש נישט אַזוי גוט. און ביסלעך צו ביסלעך, אין קאָנטאַקט מיט זײַן פֿרוי קאַטי קרעמער, איז ער געוואָרן טאַקע אַ ייִדישיסט. ד.ה. אַז די ערשטע שפּראַך זײַנע איז געווען רוסיש, ער איז געווען אַסימילירט. און אַזוי איז ער נישט געווען איינער אַליין. אַ סך יוגנטלעכע, וואָס זענען געוואָרן בונדיסטן, האָבן געשטאַמט פֿון פֿאַרשיידענע היימען אין וועלכע מען האָט גערעדט בכלל רוסיש. איר פֿאַרשטייט ?...

Elle m'a raconté beaucoup de choses à propos de son père. Son père était en fait très assimilé, il parlait bien le russe et bien moins le yiddish. Ce n'est que peu à peu, au contact de sa femme Katy Kremer, qu'il est devenu yiddishisant. Sa première langue était donc le russe, il était un Juif assimilé. Mais il n'était pas le seul. Beaucoup de jeunes gens, qui sont devenus des Bundistes, provenaient de familles juives essentiellement russophones. Vous comprenez ?

*She told me many things about her father. Her father was very assimilated in his background; he spoke very well Russian and Yiddish not as well. His first language was Russian, he was an assimilated Jew. Of course, he was not the only one. A lot of young people, who later on became Bund activists, came from various kinds of families, in which Russian was the main language. You understand ?*

**ווי אַלט איז ער געווען ווען ער האָט אָנגעהויבן זיך צו אינטערעסירן (אין דער ייִדישער אַרבעטער-באַוועגונג ?)**

**Quel âge avait-il lorsqu'il a commencé à s'intéresser au mouvement ouvrier juif ?**

***How old was he when he grew aware of the Jewish labour movement ?***

אַרקאַדי קרעמער ? מען האָט אים אָנגערופֿן דער טאַטע, אָבער דער טאַטע איז דעמאָלט אַלט געווען אַ דרײַסיק יאָר, מער נישט.

Arkadi Kremer ? On l'appelait *der tatè* (le Père), mais ce Père n'était âgé que de trente ans à cette époque, guère plus.

*Arkadi Kremer ? He was called der tatè, (the Father), but this father was thirty years old, not more, at that time.*

**און וואָס מיינט איר הײַנט-צו-טאָג וועגן גורל פֿון בונד ? וועגן זײַן צוקונפֿט ?**

**Et que pensez-vous aujourd'hui du destin du Bund ? De son avenir ?**

***And what do you think today of the Bund's fate ? Of its future ?***

דער בונד עקזיסטירט שוין מער נישט ווי אַ פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע, ער איז אומגעקומען געוואָרן אין פּוילן, אינעם אויפֿשטאַנד פֿונעם וואַרשעווער געטאָ, מיט אַ מענטש, אינעם ייִדישן זין, ווי ס'איז געווען מאַרעק עדעלמאַן. מאַרעק עדעלמאַן איז געשטאָרבן הײַ-יאָר.

אַלס פּאָליטישע באַוועגונג עקזיסטירט דער בונד שוין מער נישט. אָבער וואָס עקזיסטירט באַשטייט אין דער קולטור, בשײַכות מיט ייִדיש, מיט בכלל דעם הומאַניזם און סאָציאַליזם. דאָס איז טאַקע אַ ירושה, פֿון וואָס איז געווען דער בונד, ווי אַ פּאָליטישע באַוועגונג, וואָס האָט פֿאַרטרעט אויך די פֿרויען, און די קינדער אינעם סקי"ף

און דעם צוקונפֿט. עס איז עפּעס פֿאַרבליבן. ז ש אַ ן  ז ש אָ ר ע ס, אַ הומאַניסט און אַ סאָציאַליסט, האָט געזאָגט, ד.ה. אַז דאָס באַוווּסטזײַן פֿאַרזוימט דאָס לעבן. איך האַלט, La conscience retarde sur la vie : אויף פֿראַנצייזיש
.אַז דאָס איז זייער וויכטיק. דאָס איז טאַקע אַ פּראָבלעם פֿאַר די היסטאָריקער, און עס איז מײַן פּראָבלעם

Le Bund n'existe plus en tant qu'organisation politique, il a été assassiné en Pologne, durant l'insurrection du ghetto de Varsovie, dirigée par un *mentsh*, au sens yiddish du terme, comme Marek Edelman, qui est décédé cette année.

Comme mouvement politique, le Bund n'existe plus, mais ce qui existe toujours, c'est la culture, en relation avec le yiddish et, plus généralement à l'humanisme et au socialisme. C'est un héritage de ce que fut le Bund, un mouvement politique, qui défendait aussi les femmes et les enfants, à travers le SKIF et le *Tsukunft.* Il en reste quelque chose. Jean Jaurès, l'humaniste, le socialiste, disait : la conscience retarde sur la vie. Il me semble que c'est une pensée importante. Et c'est une question pour les historiens, donc pour moi aussi.

*The Bund does no longer exist as a political organisation, he was assassinated in Poland, in the Upheaval of the Warsaw ghetto, under the leadership of a mentsh, in the Yiddish meaning of the word, as Marek Edelman was, who passed away this year.*

*As a political movement, the Bund does no longer exist, yet what does still exist is culture, related to Yiddish, to humanism in general and socialism. This is an actual heritage of what the Bund had been, as a political movement, who represented also women, and children within the SKIF and the Tsukunft. Someting does remain. Jean Jaurès, a humanist and a socialist said in French:  La conscience retarde sur la vie, Conscience comes behind live. This is very important to me. This is a question for historians, hence a question for me.*

**! אַ שיינעם דאַנק**

**Merci beaucoup !**

***Thanks a lot !***